# THE NEWS

BIKUR CHOLIM CONVALESCENT ∴ HOME ∴


## אונזער אלבום

פון ה. ב. דענזים

אין ביקור חולים קאנוואלעסענט האום, ווי אין יעדען גרויסען אנשטאלט, וואס איז א צוזאמענשמעלצונג פון פארשיעדענע מענשען מיט פארשיעדענע אנשויאונגען, אידעען און פרינציפען, געפינען מיר מאנכע מענשען, וואס אונטערשיידען זיך פון אלע אנדערע; וואס זענען, אזוי צו זאגען, דער פרט, — דער אויסנאהם, — פון דער גרויסער מעמבערשיפ מאסע.



אין יעדער ארגאניזיישאן געפינען מיר מעמבערס, וואס דענקען, אז קומען א מאל צו א מיטינג, און באצאהלענדיג זייערע „דיום״, האבען זיי שוין פיעל אויפגעטהאן. געווים, איז גאנץ שעהן, ווען מענשען פארגעסען ניט אין זייערע אומגליקליכע שוועסטער און ברידער, וואס נויטיגען זיך אן זייער הילף, — ווי קליין די הילף זאל ניט זיין. עס איז אבער א גרויסער טעות צו דענקען, אז מיט די פאר דאלאר „דיום״ האבען מיר שוין ווירקליך געטהון אונזער פליכט. די קליינע מאטעריעלע שטיצע, וואס מיר טהון ביישטייערען, איז בלויז א גאנץ קליינער טהייל פון דעם, וואס מיר דארפען טהון.

מר. מאזעס זיממערמאן איז ניט בלויז א „דיום״ צאהלענדער מעמבער.

זייענדיג איינער פון די גרינדער פון ביקור חולים קאנוואלעסענט האום, האט ער זיך מיט לייב און לעבען אריינגעווארפען אין דער ארבייט צו העלפען די ארימע קראנקע. ער האט שטענדיג געשטרעבט צו טהון דאס, וואס ער האט פארשטאנען אלס זיין מענשליכע פליכט.

די אפפערוויליגקייט, וואס ער האט ארויסגעצייגט מיט אכט יאהר צוריק, ווען דער ביקור חולים איז געגרינדעט געווארען, האט זיך אין פארלויף פון די יאהרען ניט אבגעקיהלט. אין יעדער אונטערנעמונג, וואס דער ביקור חולים פאראנשטאלטעט, געפינען מיר מאזעס זיממערמאן אין די ערשטע רייהען.

אלס טשערמאן פון דער רעליגיעזער קאמיטע, האט ער געארבייט מיט איבער נאטירליכע קרעפטען, אז די אונטערנעמונגען זאלען זיין ערפאלגרייך.

דעם יאהר האט ער זיך זאגאר אליין איבערטראפען. אלס דער טשערמאן פון דער שוהל קאמיטע האט ער ארויסגעצייגט פיעל גערולד, פעהיגקייט און טאלאנט. די נאטירליכע שטערונגען, וואס מען טרעפט, לײדער, אפט אין אזעלכע אונטערנעמונגען, האבען זיך געמוזט באזייטיגען און בויגען צו דעם ווילען און פלייס פון זיין אונערשעפליכען גייסט.

* * *

פון די ליפען פון די ארימע קראנקע וועט זיך אימער טראגען דער שטילער געבעט, די הארצליכע ברכה, אלס באלוינונג פאר דער הילף, וואס זיי האבען געקראגען. פון איינעם פון זייערע מיטמענשען — מאזעס זיממערמאן.